בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**ספר במדבר**

**נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל**

**וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חליציהם**

## פרשת פנחס

# די עבודה פון ראש חודש


**פרנס השבוע**

מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו
**לרגל הולדות בנו למז"ט**
ויה"ר שיזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעש"ט, ולראות רב נחת מכל יוצ"ח, ולהתברך בכט"ס.

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
**נפתלי שמואל ב"ר מאיר** ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 103x 732-844-3670

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.229.929 - 0484.714.425**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org
Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת פנחס

שנה ד'

# די עבודה פון ראש חודש

## תוכן:

חלק א. אונזער באלייכטער - חלק ב. די פינסטערניש - חלק ג. באלייכטן די פינסטערניש

# חלק א. אונזער באלייכטער

## די מתנה פון ראש חודש

יעדן ראש חודש זאגן מיר ביי תפילת מוסף די פאלגענדע ווערטער פון די וואכעדיגע סדרה: **שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת לַה'** - אין דעם ערשטן טאג פון יעדן חודש איז איין זכר ציג געברענגט געווארן אלס א קרבן פון פארגעבונג אויף די זינד, צום באשעפער (פינחס כח:טו). און ווען מיר זאגן די ווערטער דארפן מיר זיך דערמאנען פון איינע פון די וויכטיגסטע יסודות פון דעם ערשטן טאג פון חודש, אז עס איז א **זְמַן כַּפָּרָה לְכָל תּוֹלְדוֹתָם** - א ספעציעלע צייט צו קענען זוכה זיין צו א פארגעבונג אויף סיי וואס מיר האבן געטון נישט ריכטיג אין די פארגאנגענע דרייסיג טעג. און אפילו היינט, ווען עס איז מער נישטא קיין בית המקדש, פארבלייבט דאס נאך אלס א כח פון ראש חודש (כוזרי ג:ה).

דערפאר זאגן מיר **רָאשֵׁי חֳדָשִׁים לְעַמְּךָ נָתַתָּ** - דו, באשעפער, האסט געגעבן ראש חודש צו דיין פאלק. **נָתַתָּ** מיינט, אז דו האסט עס אונז געגעבן אלס מתנה. און וואס איז די מתנה פון ראש חודש? עס שטייט אין סידור גלייך דערנאך, **זְמַן כַּפָּרָה לְכָל תּוֹלְדוֹתָם** - ס'איז א טאג פון פארגעבונג, א קליינער יום כיפור.

## דער חודש'ליכע אויפשאקלונג

ווייסט איר פארוואס דאס איז א טאג פון פארגעבונג? ווייל פלוצלינג באקומען מיר א שאקל - מיר ווערן באוואוסטזיניג אז א חודש איז פארביי! 'אוי ווי, א חודש! וואס האבן מיר אויפגעטון אין דעם פארגאנגענעם חודש? אין זייער פיל פעלער, גארנישט בכלל! און אפשר האב איך געטון ערגער ווי גארנישט - אפשר האב איך אויך עובר געווען אויף אפאר עבירות.'

דערפאר, ווען עס קומט צו גיין ראש חודש איז גוט צו געדענקען אז עס איז א געלעגנהייט צו תשובה טון אויף די פעלערס וואס מען איז באגאנגען אין דעם פארגאנגענעם חודש. נישט אויף א גאנץ יאר - אויף דעם איז דא ראש השנה און יום כיפור - אבער כאטש אויף דעם חודש וואס איז יעצט אריבער. א קלוגער איד ניצט אויס זיין ראש חודש; ער קוקט צוריק אויף דעם פארגאנגענעם חודש און באטראכט זיך אויב ער איז באגאנגען עפעס טעותים, אויב ער האט נישט גענוג ערליך אפגעהיטן די תורה אין עפעס אן ענין.

כאטש פינף מינוט א טאג געב אוועק צו טראכטן איבער דעם פארגאנגענעם חודש: 'האב איך געלעבט אויף דעם בעסטן אופן וואס איז שייך פאר מיר?' אודאי, פינף מינוט איז ווייט נישט גענוג. אויב וואלטסטו

אוועקגעגעבן בלויז פינף מינוט צו איבערגיין די סחורה אין דיין געשעפט, דאן וועט דיין געשעפט נישט קענען מצליח זיין - אבער כאטש איז דאס עפעס! אויב טוסטו דאס פאר פינף מינוט יעדן ראש חודש, דאן ביסטו שוין מיט א קאפ העכער פון אלע אנדערע מענטשן.

## דער איין מינוטיגער בעל תשובה

יעדע איין מינוט איז עפעס! אויב ביסטו ערנסט דערביי, דאן קענסטו אפילו אין איין מינוט ווערן א בעל תשובה. אזוי ווי ווען מ'שרייבט א גט, ברענגט דער רב וואס איז מסדר דעם גט אריין צוויי כשר'ע אידן וואס זיי דינען אלס עדות. און איידער זיי הייבן אן, זאגט ער זיי, "זייט מהרהר בתשובה." דאס איז וואס דער רב זאגט פאר די צוויי עדים, "טראכט פון תשובה פאר א מינוט." למעשה, די עדים זענען נישט אריבער קיין עשרת ימי תשובה. זיי האבן נישט געהאט קיין חודש אלול. איז וואס גייט דא פאר? ס'איז אן ערנסטע עבודה צו תשובה טון! אין די איין מינוט איידער זיי לייענען און חתמ'נען דעם גט וועלן זיי קענען ווערן בעלי תשובה?

דער ענטפער איז יא! זיכער! און דער חפץ חיים לייגט צו, אז זיי זענען גרייט דערצו אפילו פאר בלויז אפאר דאללער. אזוי פלעגט זיין, די עדים פלעגן באצאלט ווערן - דאס איז פארוואס זיי טוען עס. פאר אפאר דאללער וועלן זיי תשובה טון. און עס איז נאך אלץ עפעס! ס'איז אזא עפעס, אז דורכדעם זענען זיי שוין יעצט כשר'ע עדים! איז זעט מען פון דעם אז אין איין מינוט קען א מענטש ווערן זייער גרויס. אין פינף מינוט, נאך גרעסער. שטעלט זיך פאר וויפיל עס קען אויפטון פאר א מענטש אויף זיין צוקומפט אין עולם הבא אז ער ווידמעט דערפאר איין טאג יעדן חודש.

## שאלות אין פארשריט

ראש חודש איז א צייט זיך צו פרעגן, 'האב איך געמאכט פארשריט אין בין אדם למקום אין דעם פארגאנגענעם חודש?' 'ווי אזוי האט אויסגעזען מיין תפילה?' 'וואס איז מיט מיין לערנען?' 'ווי אזוי האב איך זיך געפירט ווען עס איז געקומען צו מיין התחייבות צו געבן צדקה?' 'ווי אזוי האב איך אויסגענוצט די שבתים אין דעם חודש?' 'האב איך פארברענגט כאטש אפאר מינוט ביי יעדע סעודה צו טראכטן איבער דעם מוסר השכל וואס דער שבת וויל מיר לערנען?' וואס איז מיט מיין קשר מיט'ן באשעפער?' 'האב איך גענוג געטראכט פון אים?' דאס איז א שאלה וואס איר האט זיך מן הסתם נאכנישט געפרעגט - מערסטנס מענטשן פארגעסן פון די שאלה אפילו ווען עס קומט יום כיפור.

'האב איך אויפגעטון ביי מיר אין בין אדם לחבירו?' 'האב איך געזינדיגט קעגן א צווייטן איד?' 'בין איך דורכגעפאלן אין מיין האנדלונג מיט מיינע שכנים?' 'ווי אזוי האב איך זיך געפירט צו מענטשן אויף די גאס?' ווי אזוי איז געווען מיין אויפפירונג צווישן מיר און די מיטגלידער פון מיין פאמיליע?' 'ווי אזוי האב איך גערעדט צו מיין ווייב אדער מיין מאן אין דעם חודש?' 'האב איך געזאגט עפעס וואס איך וואלט נישט געדארפט זאגן אין דעם ערשטן טאג פון דעם חודש וואס איז יעצט אריבער?' 'וואס איז מיט דעם צווייטן טאג? און דער דריטער טאג.' טראכט איבער די נישט גוטע זאכן וואס דו האסט געזאגט, דער נישט ריכטיגער וועג ווי אזוי דו האסט רעאגירט.

אלזא, איך גלייב אז איר טוט דאס נישט - דערפאר איז א גוטע זאך אז איר זענט דא געקומען צו דעם שיעור. איך רעד אויך צו מיר אליין - ס'איז גרינג צו זאגן אבער ס'איז נישט צו שווער צו טון, איר דארפט בלויז וויסן אז דאס איז פארוואס מיר האבן דעם ראש חודש; מיר דארפן אויסניצן דעם ספעציעלן טאג וואס דער בורא האט אונז געגעבן.

## די לבנה אלס א צייכן

אלזא, מיר דארפן אין אכט נעמען אז לְעַמְּךָ נָתַתָּ - דער באשעפער האט געגעבן דעם ראש חודש אלס א

ספעציעלע מתנה פאר זיין פאלק; ס'איז עפעס אייגנארטיג פאר אונז - די וועלט מאכט נישט קיין שום עסק ארום די לבנה ווייל זיי גייען נאך די זון ביי זייערע רעכענונגען. מיר זענען די וועלכע גייען לויט א לבנה לוח און פייערן די באנייאונג פון די לבנה; און מיר וועלן זען ווי אזוי די תורה האט אפילו אויסגעוועלט די לבנה צו דינען אלס א סימבאל אויף דאס אידישע פאלק.

יעדער ווייסט אז איינמאל א חודש גייען מיר ארויס אינדרויסן און זאגן א ספעציעלע ברכה אויף די באנייאונג פון די לבנה. ביי די ברכה פון קידוש לבנה זאגן מיר ווי פאלגענד **וְלַלְּבָנָה אָמַר** - דער באשעפער האט געזאגט צו די לבנה, **שֶׁתִּתְחַדֵּשׁ** - און ער האט אים באפוילן זיך צו באנייען, **עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת לַעֲמוּסֵי בָטֶן** - צו זיין א סימבאל, א קרוין פון כבוד פאר די וועלכע זענען געפירט געווארן פון די אינערליכע געדערים. דאס גייט ארויף אויף כלל ישראל, ווי ישעיהו (מו:ג) שרייבט אויף די אידן, **הָעֲמֻסִים מִנִּי בֶטֶן** - דאס פאלק וואס איז געטראגן געווארן דורך דעם באשעפער זינט איר אנהייב.

דאס מיינט אז די לבנה איז באשאפן געווארן פאר אונז, אלס א צייכן פון אונזער מציאות אויף די וועלט. דערפאר, ווען דער באשעפער האט געוואלט באשאפן די לבנה, האט ער געזאגט עס זאל זיין **לְאֹתֹת וּלְמוֹעֲדִים... לְהָאִיר עַל הָאָרֶץ** - עס זאל זיין צו א צייכן און צו אויסדערוועלטע צייטן... און צו באלייכטן די וועלט (בראשית א:יד-טו). עס שטייט דארט אזוי קלאר ווי עס קען נאר זיין - די לבנה איז אן אות, א צייכן אויף עפעס.

## דער לוח אין הימל

אלזא, דאס אז די לבנה איז צו 'אויסדערוועלטע צייטן,' אז עס דינט פאר אונז אלס א לוח, דאס פארשטייען מיר. דוד המלך ברענגט דאס ארויס: **עָשָׂה יָרֵחַ לְמוֹעֲדִים** - ער האט געמאכט די לבנה צו אונזערע ימים טובים (תהלים קד:יט). דאס מיינט, אז דער באשעפער האט אויפגעהאנגען א אידישער לוח אין הימל, בלויז פאר דאס אידישע פאלק.

שטעלט זיך פאר אז איר וואלט געזען א גרויסער לוח הענגען אין די ספערן; א אידישער לוח! און זיינע בלעטער זענען אויסגעקריצט מיט שטערנס אנשטאט מיט אותיות און עס זאגט דיר ווען עס וועט אויספאלן פסח און ווען שבועות און סוכות וועלן אויספאלן. דאס איז פונקטליך וואס דאס איז! די לבנה זאגט אונז ווען עס איז ראש חודש און פון דעם ווייסן מיר אלע מועדים, אלע ימים טובים.

איז אלזא, אויב א איד, לאמיר זאגן אין דעם סאוויעטן פארבאנד, פארמאגט נישט קיין לוח אבער ער פארשטייט אביסל אין די רעכענונגען, דאן קען ער מער וויינער וויסן ווען עס דערנענטערן זיך די ימים טובים. ער קוקט ארויף אין הימל און ער זעט א לוח וואס איז באשאפן געווארן פאר אים. דאס איז וואס עס מיינט אז די לבנה איז למועדים.

## דאס נאכט לעמפל אויפ'ן הימל

און לְהָאִיר, צו געבן ליכטיגקייט, דאס איז אויך פשוט. מיר פארשטייען אז די לבנה איז א נאכט לעמפל פאר אונז. דאס איז א שלאפ-צימער לאמפ וואס דער באשעפער האט אויפגעהאנגען פאר אונז אין הימל. דערפאר איז עס קלענער ווי די זון. עס איז נאטורליך אז א שלאפ-צימער לאמפ דארף זיין קליין.

ווען איר גייט צו איינעמ'ס הויז צו שלאפן און ער וויל דיר צושטעלן א נאכט לעמפל וועט ער דיר נישט געבן א ריזיגער לאמפ וואס באלייכט דעם צימער ווי די זונען שיין. איר ווילט האבן גאנץ ווייניג ליכטיגקייט, פונקט גענוג אז אויב איר ווילט שלאפן מיט דעם לעקטער אנגעצונדן קענט איר.

אזוי אויך די לבנה, ס'איז נישט א צו שטארקע ליכטיגקייט וואס וועט אונז האלטן וואך אבער ס'איז פונקט גענוג גרויס אונז ארויסצוהעלפן אויב מיר דארפן ארויסגיין אין גאס. אויב דיין ווייב אדער די קינדער ווילן שלאפן באקוועם קענען זיי - די לבנה ליכט וועט זיי נישט שטערן - אבער דאך האט איר גענוג ליכטיגקייט צו גיין צום בית המדרש. דאס איז לְהָאִיר; די לבנה איז א לעקטער בירנע פאר אונז.

## די לערעס אין הימל

אבער איר וועט באמערקן אז דער צוועק פון דינען אלס א לוח און צו באלייכטן די וועלט זענען געשריבן געווארן נאך 'לְאֹתֹת'. די ערשטע און וויכטיגסטע צוועק פון די לבנה איז לְאֹתֹת - עס וועט זיין צו א צייכן. דאס מיינט, אז פון צווישן אלע פארדינסטן וואס מיר באקומען פון די לבנה, איז די גרעסטע דאס אז עס ווערט גענוצט אלס א צייכן, א סימבאל - עס טוט פארשטעלן ענינים וואס מיר דארפן אפלערנען.

אצינד ווערט נישט איבערראשט דערפון; האט געדולד מיט מיר און דאן וועט איר פארשטיין די יסודות'דיגע נקודה אין די תורה - דאס אידישע פאלק איז דער ציל פון די בריאה און דאס מיינט אז אפילו עפעס וואס איז אזוי נאטורליך און וויסנשאפטליך ווי די לבנה, איז עס פאקטיש אויפגעהאנגען געווארן אין הימל צו לערנען פאר דאס אידישע פאלק א לערע פאר'ן לעבן.

אלזא, די מערסטע אפענע לערע איז דאס וואס מיר זאגן יעדן חודש ביי קידוש לבנה. מיר קוקן ארויף צו די לבנה וואס טוט זיך אצינד באנייען - ס'איז אנהייב חודש און מ'זעט שוין ווידעראמאל די לבנה - און מיר דארפן וויסן אז דערמיט זאגט אונז דער באשעפער עפעס.

## דער הויפט ציל

צי האט איר זיך אמאל געוואונדערט אויף דעם? פארוואס האט דער באשעפער געמאכט אזא זאך, א באלייכטער וואס ווערט גרעסער און קלענער? נאך אלעם, אויב די לבנה דארף צו דינען בלויז אלס א נאכט לעמפל, איז א נאכט ליכטיגקייט דארף מען דאך האבן א גאנצער חודש. פארוואס ווערט עס גרעסער און קלענער?

וועט איר מיר ענטפערן אז דאס איז דער גאנג פון אונזער לוח. ס'איז ריכטיג, אבער דאס איז נישט אלעס. אפשר וועט איר זאגן אז די טוישונגען פון די לבנה קאנטראלירט פיל זאכן - די לבנה האט זייער פיל נוצבארע השפעות אויף די וועלט. צי ווייסט איר אז די לבנה קאנטראלירט די ים פלייצן (וואס די וואסערן דערהייבן זיך און נידערן צוויי מאל אין טאג)? און עס שפילט א ראלע און נאך פיל אנדערע פונקציעס פון די וועלט וואס זענען זייער וויכטיג פאר אונז.

אבער דאס איז דאך נישט דער עיקר ציל פון די פארקלענערונג און פארגרעסערונג פון די לבנה. הערט צו דעם חידוש - עס שטייט אין די ברכה וואס מיר זאגן ווען מיר שטייען אינדרויסן און קוקן ארויף צו די לבנה: **וְלַלְּבָנָה אָמַר שֶׁתִּתְחַדֵּשׁ** - דער באשעפער האט געהייסן די לבנה זיך צו באנייען, **עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת לַעֲמוּסֵי בָטֶן** - כדי עס זאל זיין א קרוין פון כבוד פאר דאס אידישע פאלק, **שֶׁהֵם עֲתִידִים לְהִתְחַדֵּשׁ כְּמוֹתָהּ** - א צייכן, אן אות, אז אויך זיי וועלן איין טאג באנייט ווערן פונקט ווי די לבנה באנייט זיך. מיר קענען ווערן קלענער און צומאל זעט אויס ווי מיר זענען נישט אנזעבאר אויף די וועלט, מיר ווערן נישט באמערקט. אבער מיר זענען אנגעגרייט דערצו אז מיר וועלן ארויסקומען מיט אונזער גאנצער כבוד. **וּלְפָאֵר לְיוֹצְרָם עַל שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ** - איין טאג וועלן מיר באשיינען דעם באשעפער דורך דעם כבוד פון זיין קעניגרייך.

## אלעס פאר אונז

דאס איז דער צוועק פון די לבנה; עס איז אן אות, אן עדות. און דאס איז א טייל פון די לערעס פון ראש חודש, צו באמערקן די ווידער ערשיינונג פון די לבנה אלס א סימבאל אז אונזער פאלק וואס איז יעצט פארשפרייט צווישן די פעלקער אן קיין אייגענע לאנד, וועט איין טאג צוריקקומען אינאיינעם. כאטש מיר זענען אלע אין גלות, וועלן מיר איין טאג צוריק פאראייניגט ווערן און מיר וועלן ווידעראמאל לייכטן ווי די לבנה ווען עס טוט ווידער ערשיינען אנהייב חודש. דאס איז אן אות אז מיר וועלן אויך ווידער ערשיינען און באלייכטן די וועלט.

יא, דער גרויסער מציאות פון די לבנה איז אריינגעשטעלט געווארן אין די ספערן צו דינען אלס א

סימבאל אויף די געשיכטע פון דאס אידישע פאלק! איך פארשטיי אז דאס הערט זיך איבערגעטריבן צו אונזערע היינטיגע מאדערנע אויערן; אבער צוליב דעם זענט איר דא ביי דעם שיעור. אין דעם ארט דא טוען מיר אפטון די אמעריקאניזאציע פון אונזערע מוחות! אויסדריקליך איז דאס אלעס צוליב א פלאן - און דאס איז א פלאן וואס דרייט זיך ארום דאס אידישע פאלק.

און דאס איז פארוואס ראש חודש איז אזא וויכטיגער טייל פון אונזערע לעבנס, ווייל מיר קענען נאר צוקומען צו אונזער צוקומפטיגער כבוד וואס איז אוועקגעלייגט געווארן פאר אונז אויב מיר מאכן נוצן פון דער פארגלייך צווישן דאס אידישע פאלק און די לבנה. דאס איז די כוונה פון ראש חודש - א טאג געאייגנט פאר התחדשות, זיך צו באנייען אין עבודת ה׳ דורך אפלערנען די לבנה אויף דעם וועג וואס דער באשעפער האט באשטימט. דאס איז דער פאסיגסטער וועג פון מאכן דעם טאג אלס א **זְמַן כַּפָּרָה לְכָל תּוֹלְדוֹתָם**.

# חלק ב. די פינסטערניש

## א וועלט פון טונקלקייט

אצינד דארפן מיר נאכקוקן דעם פארגלייך און עס אפלערנען אביסל טיפער, ווייל אויב דאס אידישע פאלק ווערט סימבאליזירט דורך די לבנה, דארפן מיר זיך פרעגן, פארוואס איז די נאכט צייט אויסגעוועלט געווארן אלס די צייט ווען עס טוט זיך באווייזן? די לבנה וואס טוט סימבאליזירן דאס אידישע פאלק איז **לְמֶמְשֶׁלֶת הַלַּיְלָה** (בראשית א:טז), עס הערשט ביינאכט, און אויב די הערשאפט פון די לבנה איז דוקא אין די פינסטערניש, דארפן מיר דאס פארשטיין.

און דא קומען מיר צו איינע פון די גרעסטע סודות פון די בריאה - ס׳איז א סוד וואס העלפט אונז בעסער צו פארשטיין דעם ציל פון ראש חודש אלס א טאג פון תשובה און באנייאונג אין אונזער עבודת ה׳.

מיר וועלן אנהייבן מיט א גמרא אין בבא מציעא (פג:); די חז״ל ברענגען א פסוק פון תהלים (קד:כ), **תָּשֶׁת חֹשֶׁךְ וִיהִי לָיְלָה** - דו, באשעפער, האסט געמאכט די טונקלקייט און עס איז געווארן נאכט, און זיי זאגן אונז אז עס רעדט נישט בלויז איבער די טונקלקייט וואס קומט יעדן אוונט - עס רעדט איבער די דאזיגע וועלט בכלליות: **זה העולם הזה שדומה ללילה** - די וועלט איז געגליכן צו נאכט, וואס מיינט אז עס איז אן ארט וואו מיר זעען נישט. מיר לעבן אין א וועלט אין וועלכע דער אמת איז פארהוילן.

## פלאנירטע טונקלקייט

עס איז זייער וויכטיג דאס ארייננצונעמען אין אונזערע קעפ. ווען איר גייט ארויס אין גאס אינמיטן העלן טאג, דארפט איר אנערקענען אז עס איז אייגנטליך אינמיטן נאכט; ס׳איז שטאק טונקל און איר זעט גארנישט. דאס מיינט, אז פון איין עק וועלט צו די אנדערע איז דער עולם הזה אן ארט פון פאלשקייט. און אויסער אויב איר שטרענגט זיך אן צו זיין א ליכט אין די פינסטערניש, צו זען זאכן אזוי ווי זיי זענען אין ווארהייט, דאן בלייבט איר פארלוירן אייער גאנץ לעבן.

אצינד דארפן מיר צולייגן קאפ צו דעם פסוק, ווייל עס זאגט **תָּשֶׁת** - דו האסט געמאכט טונקל. עס שטייט נישט, עס איז געווארן טונקל, אז עס איז געשען פערצופאל. דאס איז א יסודות׳דיגער דרהער איבער די דאזיגע וועלט: דו, באשעפער, דו ביסט דער באשעפער פון אלעם, און דו האסט מיט א כוונה געמאכט די פינסטערניש פון עולם הזה. ס׳איז נישט קיין צופאל - דאס איז דיין פלאן פון אנהייב, דאס צו מאכן אלס א וועלט וואו דער אמת איז באגראבן אונטער א ריזיגער בארג פון שקר.

## דאס פינסטערניש פון געצנדינערײ

דאס קען מען גלייך זען גרינגערהייט, ווייל די מערהייט פון די וועלט זענען אדער קריסטן, מאכמעדאנער

אדער הינדוס, פון די ווייטע מזרח רעליגיעס. למעשה, די ווייטע מזרח רעליגיעס, אלע פון זיי זענען געצנדינער. אויב ווייסט מען אביסל דער אמת איבער זיי - נישט ווי זיי ווערן פארגעשטעלט דורך די פעלשערס וואס קומען קיין אמעריקע צו פארדינען געלט און כבוד - נאר ווען מען גייט צוריק צו זייער שורש ווערט מען זען אז עס איז גארנישט אויסער געצנדינעריי און אויך אסאך זינד; אלע עבירות פון געצנדינעריי.

דער אמת איז אז דער הינדואיסטישער באגריף פון 'דהארמא', ה.מ. דער 'וועג פון לעבן', האט ביז לעצטנס ענטהאלטן א שיטה פון פארברענען די אלמנה פון א מאן וואס איז נארוואס געשטארבן. דאס איז א טייל פון זייער רעליגיע - כדי די אלמנות זאלן גיין צו די קומענדיגע וועלט אינאיינעם מיט זייערע מענער, האט מען זיי פארברענט לעבעדיגערהייט. עס איז געווען א קעניג וואס איז געשטארבן און דאן האט מען פארברענט זיינע **2,000** אלמנות לעבעדיגערהייט.

און דאס האט זיך נישט אפגעשטעלט ווייל זיי האבן עס רעפארמירט. ניין! וואס האט פאסירט? די מאכמאדאנער זענען געקומען מיט זייערע שווערדן - די מאכמאדאנער האבן נישט געוואוסט פון קיין חכמות - זיי האבן אנגעהויבן אפהאקן זייערע קעפ. און דאן זענען אויך די בריטאנער געקומען מיט זייערע קוילן און אזוי האט זיך עס אפגעשטעלט. אנדערש וואלט עס נאך פארגעזעצט ביז היינט ווייל געצנדינעריי איז דאס פארקערפערונג פון זינד. דאס איז אין דער ווייטער מזרח; דאס איז בלויז א ביישפיל אבער עס זאגט אונז אלעס וואס מיר דארפן וויסן איבער דעם וואלקן פון פינסטערניש וואס באדעקט א גרויסן טייל פון די וועלט.

## דער ריזיגער שקר

אבער דאס איז נישט בלויז דארט אין ווייטן מזרח, ווייל ווען איר קומט צום מעריב'דיגע ציוויליזאציע זעט איר אז די אנטוויקלטע וועלט גלייבט אין גרויסן טייל אין באבע מעשיות. דער פשוט'ער אמת איז אז קריסטנטום איז א פאלשקייט - די גאנצע זאך איז א פאבריצירטע מעשה; אינגאנצן שקר פון אנהייב ביז'ן סוף. דער 'נייער בייבל' איז גארנישט, בלויז איין גרויסע געוועב פון ליגנטס.

ווען איר זעט גרויסע גלחים, דארפט איר וויסן אז זיי זענען א פארבילד צו א ריזיגער ליגנט! גרויסע קירכעס מיט ריזיגע געמיינדעס, אלעס איבערגעגעבן צום שקר. אלזא, אודאי דארפן אמעריקאניזירטע אידן אביסל איבערארבעטונג דאס צו קענען פארשטיין. זיי ווילן זאגן, "גוט, מיר גלייבן נישט אין זייער אפגאט אבער מיר ווילן נישט זיין אזוי עקסטרעם ווי דאס און זאגן אזעלכע זאכן." אה ניין! דא אין דעם פלאץ זאגן מיר דעם אמת און דער אמת איז אז **תָּשֶׁת חֹשֶׁךְ וִיהִי לָיְלָה** - דער באשעפער האט באדעקט די גאנצע וועלט מיט דעם ליגנט. דאס איז פונקטליך וואס דאס איז, אבער נישט יעדער פארשטייט דאס.

## א זינדיגער שווינדלער

און דאס פירט אונז ווייטער צו די רעליגיע פון איסלאם; ווידער א געדיכטע פינסטערניש! אט איז א גרויסער ליגנער וואס זאגט אויף זיך אז ער איז געשטאנען אויפ'ן בארג פון בית המקדש מיט א פערד און זיין פערד איז ארויפגעפארן צווישן די וואלקענעס, און הונדערטער מיליאנען מענטשן איבער די גאנצע וועלט האבן דאס אפגעקויפט ווי נאראנים.

מוחמד האט נאכאנאנד געפרעדיגט אז יעדעס ווארט אין דער 'קוראן' איז אנטפלעקט געווארן צו אים דורך אללא. "יעדעס ווארט!" האט ער געזאגט. דער שווינדלער וואס האט געזאגט, "ווי זינדיג איז דער מענטש וואס זאגט אז דער באשעפער האט גערעדט צו אים ווען דער באשעפער האט נישט גערעדט צו אים," ער האט גע'טענה'ט אז אללא האט פאר אים אנטפלעקט יעדעס ווארט אין דער קוראן!

אלזא, ווער עס קוקט אריין אין דעם קוראן קען זען וואספארא ליגנער ער איז, וואספארא עם הארץ ער איז געווען. אבער דאס דארפט איר וויסן אז עס זענען פארהאן צוויי ביליאן מענטשן - ביליאן! - וואס

פאלגן נאך דעם קוראן. איז דערפאר, ווען מיר זאגן אז די וועלט איז אן ארט פון פינסטערניש, איז עס נישט שווער צו פארשטיין.

## די פינסטערניש פון עוואלוציע

מיר קענען גיין ווייטער. היינט איז עס גרינגער צו זען אז עס איז א טונקעלע וועלט ווייל די גאנצע וועלט איז אנגעפילט מיט אוניווערזיטעטן וואס לערנען פון עוואלוציע. די טעאריע פון עוואלוציע איז די טונקלסטע פון אלע טעאריעס און עס נעמט ארום די גאנצע וועלט. אויף אלע זייטן, דרשנ'ט מען דערפון ווי גלייך עס וואלט געווען א דבר פשוט, אן אנגענומענער פאקט! עס ווערט היינט באטראכט איבעראל ווי א געווענליכע לערנונג אין נאטור וויסנשאפט.

אבער דער אמת איז אז עס איז אזוי נאריש ווי עס קען נאר זיין. ס'איז אזוי לעכערליך אז מענטשן זאלן ווערן איבערגעוועלטיגט מיט די באבע מעשה אז ים שרצים זענען געווארן פייגלעך. "ס'איז געשען פערצופאל," זאגן זיי. "ים שרצים זענען ארויסגעקומען פון די וואסער און זענען געווארן לאנד שרצים. דאן האבן זיי געזען אז זיי ווערן נאכגעיאגט דורך פיינט און זיי האבן געדארפט אן אנטלויפונגס ארט, האבן זיי געקוקט אויף די ביימער און געטראכט, 'ווי גוט וואלט געווען אויב איך וואלט געקענט ארויפפליען אריין אינעם בוים,' און זיי האבן אנגעהויבן ארויסשטויסן זייערע פליס-פעדערן אדער שיפן און נאך מיליאנען יארן פון פרואוואונגען, איז עס ענדליך פארוואנדלט געווארן אין פעדערן.

## וואו געפינען זיך די עוואלוארנדע באשעפענישן?

יעדער וואס קען נאר אביסעלע טראכטן זאל פרעגן: "דורכאויס די מיליאנען יארן - איידער זיי זענען פארוואנדלט געווארן אין פעדערן; זיי האבן נאכנישט געקענט פליען - ווי אזוי האבן זיי איבערגעלעבט?" אדער, "פארוואס פאסירט דאס נישט היינט? פארוואס האט עס פאסירט נאר מיליאנען יארן צוריק?" אויב איר גייט אריין אין אן אוניווערזיטעט און איר כאפט אן א פראפעסאר ביי זיינע לאנגע האר און פרעגט, "וואו איז דא א פאל פון איין שרץ, בלויז איין קליינער ארעמער שרץ, אפשר ערגעץ אין אפריקע, וועמענ'ס שיפן פארוואנדלען זיך אין פעדערן? אויב עס פאסירט פערצופאל, פארוואס פאסירט עס נישט יעצט?!"


לכבוד אלע טייערע לומדי תורת אביגדור אידיש שיחי'

מקרב הלב וויל מיר זיך באדאנקן פאר אלע חשובע מזכי הרבים וואס האבן גערופן און זיך משתתף געווען מיט נדבות צו קענען אנגיין בעבודת הקודש, בנוסף צו שטארקע דברי חיזוק פון אסאך אידן הנהנים מידי שבוע בשבוע.

**דאס טוט אונז ערמעגליכן אייך פארצולייגן תורת אביגדור לחודש תמוז**

**מיט א בקשה אויף ווייטער ביטע רופט צו מנדב זיין מיר זאלן קענען ממשיך זיין בהפצה לאור עולם די גליונות ל'חודש אב' הבעל"ט, לשם ולתפארת.**

מיט דאנק

משה הורוויץ

director@torasavigdor.org - 347-451-0332

דאס איז אזא אפענע קשיא!

וועט ער אייך זאגן, "אה, עס נעמט מיליאנען יארן פאר דעם איבערגאנג. עס פאסירט נישט פלוצלינג."

איז גוט, מיליאנען יארן. אבער מיליאנען יארן איז נישט געווען נאר מיליאנען יארן צוריק. מיר זענען יעצט אינדערמיט פון מיליאנען יארן, איז לאזט מיר זען וואו עס פאסירט יעצט, כאטש א קליין ביסל. לאמיר זען א שרץ וואס איז האלב פעדערן און האלב שיפן. כאטש א צענטל פעדערן און ניין צענטלעך שיפן.

## זאלן פון אפפאל שמוץ

דאס איז פארוואס די היינטיגע אוניווערזיטעטן - היינט מער ווי סיי ווען פריער - זענען די שמוציגסטע פון אלעס. פיל שמוציגער ווי דער 'נייער בייבל' און דער 'קוראן'. אויב גייט מען אריין אין אן אוניווערזיטעט, איז ווען מען גייט ארויס דארף מען אויסלופטערן די קליידער, דרך אגב. צומאל דארף מען דורכגיין ברוקלין קאלעזש, עס שמעקט דארט ביז די הויכע הימלען - דו דארפסט זיך צוהאלטן די נאז ווען דו גייסט פארביי.

איר קענט זיך פארשטעלן ווי די קארודארן זענען אנגעהויפנט ביז אויבן מיט פערד אפפאל, ביז'ן דאך. און עס איז פריש און פאַרעדיג און די פראפעסארן שטופן זיך אדורך און עס קומט זיי אן ביז אויבן פון די פיס. נישט נאר דאס, זיי וואשן זיך דערמיט זייערע פנים'ער און זיי שטופן עס אריין אין די מיילער פון די אינגלעך און מיידלעך.

נישט נאר צוליב די פינסטערניש פון עוואלוציע וואס פילן אן די לערנונגס קארודארן. אט איז א לערער פון די שווארצע שטודיעס. א נייער לימוד, שווארצע שטודיעס! זעלע מוזיק! אויך אנדערע וויכטיגע לימודים וואס די וועלט נויטיגט זיך דערין זייער וויכטיג. און נישט נאר ווערדלאזע נושאים ווערן דארט געלערנט נאר עס איז דא דארט אויך גרויסע זינד - די ערגסטע לימודים, חייבי כרת, ווערן געלערנט און אויפגעהויבן אויף די בימה.

## נידריגע עלעמענטן אלס העלדן

קארל מארקס איז להבדיל דער משה רבינו פון די אוניווערזיטעט וועלט היינט. ער האט זיי געגעבן די תורה פון קאמוניזם. און קארל מארקס איז געווען א דורכגעפוילטער כאראקטער, זייער א זינדיגער כאראקטער. ער איז געווען א מענטש וואס איז ארומגעגאנגען צוזאמבארגן געלט פון מענטשן און ער האט זיי נישט באצאלט. אויב האט אים איינער מער נישט געוואלט פארלייען געלט, האט ער אים געשאלטן. ער האט געברענגט א ממזר אויף די וועלט און ער האט עס נישט געוואלט מודה זיין. ער איז געווען א מענטש וואס האט זיך געזוכט צו מאכן פראבלעמען איבעראל, אן אומבא'טעמ'טער פערזאן אין יעדן הינזיכט. און דא אין די וועלט, אין די פינסטערניש פון די וועלט, איז קארל מארקס א געשעצטער נאמען.

און היינט ווען איינער פארלאזט די אוניווערזיטעט און ער גייט ארויס אין גאס, באדט ער זיך נאך אלץ אין א גרויסער באסיין פון שווארצקייט און פאלשקייט. ווי אזוי קען עס זיין אז א פארברעכער, א נידריגער עלעמענט, ווערט א העלד? אט איז א מענטש וואס איז אריינגעקומען אין א באנק און ארויסגעשאסן די באנק וועכטער, טאטעס פון קליינע קינדער. ער האט זיי געשאסן קאלטבלוטיג!

די פאליציי איז שנעל געקומען צו לויפן און פראבירט צו ראטעווען דעם מצב, האבן זיי אריינגעשאסן א קויל אין דעם מענטש. וואס פאסירט דאן? דאס שטיקל שמוץ, דער פארברעכער, זיין פגר ווערט געפירט דעם קומענדיגן טאג מיט א קעניגליכע לווי'. אלע כליפענדע שוועסטערס אין ניו יארק, אין מאנהעטן, קומען און פארגיסן טרערן אויף אים; נעבעך, א נידריגער קלאס מענטש, א קרבן צו ארעמקייט אומשטענדן. טויזנטער מענטשן זענען געקומען באגלייטן דעם בלומען באדעקטן קאר וואס האט ענטהאלטן זיינע איבערבלייבענישן, און זיי האבן געשפאנט און פארגאסן טרערן. איר ווייסט אז די דאזיגע טרערן זענען דינאמיט צו רואינירן די געזעלשאפט? אזעלכע טרערן זענען טרערן וואס וועלן צוברענגען ביליאנען אנדערע, בארעכטיגטע טרערן!

אויב א רויבער ווערט אראפגעשאסן, דארפן נישט פארגאסן ווערן קיין טרערן. פארקערט, עס שטייט **באבוד רשעים רינה** - ווען דער רשע ווערט פארלוירן דארף זיין געזאנג. ווען מענטשן ליינען אין די צייטונגען אז ער איז אראפגעשאסן געווארן, דארפן זיי זאגן, "גוט פאר אים!" זיי זאלן זיין פרייליך און זאגן, "לחיים! כן יאבדו כל אויביך ה'; דאס זאל זיין דער סוף צו אלע פון זיי."

אבער די וועלט זיצט ווי נארישע אקסן ביי די ראדיא מיט אפענע מיילער און הערן צו בשעת די פראפאגאנדע גיסט זיך אריין אין זייערע קעפ. זיי נעמען אן אלע ליגנטס און די גאנצע פינסטערניש און די גאנצע פאלשקייט וואס האט באצאלטע שפילערס גיסן אריין דורך די אופנים אין זייערע מוחות און זיי ווערן קארופטירט און פארטושט און אנגעפילט מיט מיסט, מער און מער.

## די בעסטע מענטשן

זיכער קען איך נישט אוועקגיין פון די נושא אן צו דערמאנען דאס שטארקסטע פינסטערניש פון אלעס, דאס פאלשע בילד וואס די וועלט האט פארמירט איבער דאס אידישע פאלק. איר ווייסט, אפילו איינער וואס איז נישט דער גרעסטער שטיצער פון דאס אידישע פאלק, אבער ער איז א גלייכער דענקער, וועט ער איינזען אז אידן זענען געווענליך אנשטענדיגע מענטשן. יעדער ווייסט מער וויניגער אז אידן באגייען נישט קיין פארברעכן. ערליכע אידן זענען נישט קיין ליידיגגייערס. מיר אטאקירן נישט קיין מענטשן. מיר זענען נישט קיין הויז איינברעכערס. מיר פלונדערן נישט קיינעם. מיר זענען נישט קיין מערדערער. ערליכע אידן זענען געווענליך נישט קיין געפארפולע מענטשן. ווען מען שפאצירט אויף די אידישע גאס ביינאכט, איז עס דאס פארזיכערסטע פלאץ צו זיין.

אפילו פורים ווען אידן שטורעמען ארויס פון די שטיבל, האט קיינער נישט קיין מורא. דאגעגן, אויב גייט מען פארביי א טרונק הויז ווען גוים שטורעמען ארויס, דאן דארף מען זיך שנעל אוועקדרייען, נישטא קיין ספק אין דעם. אבער אנגעטרונקענע אידן זענען פארזיכערט! די גרעסטע סכנה איז, אז זיי קענען דיר אפשר געבן א קוש.

און דער אמת איז אז דאס איז נישט קיין יושר'דיגע אפשאצונג אויף דאס אידישע פאלק. עס הייבט אפילו נישט אן ארויסצוברענגען עפעס שעצונג צו זיי - דאס איז א גאר אויבערפלעכליכע וועג פון קוקן אויף זיי. פאקטיש שטייען זיי אן א שיעור מאל העכער ווי דאס.

און דאך, עס איז נישטא קיין פאלק אין די וועלט וואס ווערט אזוי באשמוצט מיט אזעלכע שרעקליכע טיטלען ווי דאס אידישע פאלק. ס'איז א פאקט! מיר זענען די מערסטע דערנידערטע פאלק - דערנידערט מיינט אז מיר ווערן אנגעקוקט ווי רשעים. די בעסטע ווערן באטראכט ווי די ערגסטע! דאס מיינט, אז די מענטשן שפאנען אין א שטאק פינסטערניש - זיי זענען נישט באוואוסטזיניג דערצו אז עס איז גארנישט נאר א ריזיגע פאלשקייט; איין גרויסער ליגנט פון אנהייב ביז'ן סוף.

## די קליינע לבנה

און מיר לערנען אצינד אז דאס אלעס איז אויספלאנירט געווארן אויף דעם וועג פון אנהייב אן. **תָּשֶׁת חֹשֶׁךְ** - ער האט געמאכט די גאנצע פינסטערניש. און ער האט עס געמאכט צוליב אונז! מיר זענען דא אויף די וועלט צו געפרואווט ווערן און זען וויפיל מיר גייען פראבירן צו אנטדעקן דעם אמת. דאס איז אונזער אויפגאבע אויף די וועלט; צו לעבן אין א וועלט און פארבלייבן די קליינע לבנה וואס לייכט ביינאכט.

דאס איז פארוואס די לבנה סימבאלאזירט דאס אידישע פאלק - ווייל מיר דארפן זיין די ליכט אין די פינסטערניש - די לבנה וואס ווערט יעצט באנייט און הייבט יעצט אן צו שיינען דערמאנט אונז ווידעראמאל צו מאכן א חשבון הנפש מיט זיך ווי אזוי די טונקלקייט טוט משפיע זיין אויף אונזערע לעבנס און צי מיר זענען מצליח אין אונזער תפקיד פון זען אדורך דעם **עולם הזה דומה ללילה**.

# חלק ג. באלייכטן די פינסטערניש

## די גרויסע טונקלקייט

אלזא, דאס אידישע פאלק ווערט סימבאליזירט דורך די לבנה פון ביינאכט און נישט נאר צוליב די ליכטיגקייט וואס מיר דארפן ארייננשיינען אין די פינסטערניש פון די דרויסנדיגע וועלט. ס'איז אמת, דאס איז זייער א וויכטיגער תפקיד אין אונזער לעבן אבער עס איז דא נאך א פינסטערניש וואס איז פיל ערגער - מער ווי דאס פינסטערניש פון די וויסנשאפטלער און די פאלשע רעליגיעס, מער ווי די טונקלקייט פון די אוניווערזיטעטן און די גאס - די טונקלקייט וואס איז די שווערסטע דורכצוזען, דער אמת וואס איז די שווערסטע ארויסצוזוכן און צו אנטדעקן, איז דער אמת איבער זיך אליין.

דאס איז די שווערסטע פון אלעם - דער גרעסטער געפאר פון אלע סכנות איז דער געפאר פון זיין פארנארט איבער זיך אליין, פון נישט אנערקענען ווער מיר זענען באמת. עס זענען דא גוטע מענטשן וואס באגייען זינד נאכאנאנד און זיי באמערקן דאס נישט! און דאס איז דערפאר ווייל ווען עס קומט צו זיך אליין, איז נישט נאר וואס עס איז טונקל נאר מ'איז אינגאנצן בלינד.

עס שטייט אין די תורה (דברים טז:יט) **הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים** - שוחד מאכט בלינד די אויגן אפילו פון קלוגע לייט. דאס מיינט אז עס איז נישטא אזא זאך ווי נעמען שוחד און בלייבן אומפארטייאיש. אוממעגליך! און וואס איז דער גרעסטער שוחד אויף די וועלט? דער גרעסטער שוחד אויף די וועלט איז די ליבשאפט צו זיך אליין. יעדער האט ליב זיך אליין מער ווי סיי וואס און דאס מיינט אז מיר זענען בלינד ווי נאר עס קען זיין - ווען עס קומט צו זען די אייגענע פעלערן איז יעדער איינער אינגאנצן בלינד. מיר טראכטן אז מיר זענען אלעמאל גערעכט, נישט קיין חילוק וואס. דו ווייסט אז דו ביסט א גוטער מענטש און אלע טענות וואס קענען נאר אויסגעטראכט ווערן זיך צו פארטיידיגן ליגן דיר אויפ'ן שפיץ צונג.

אפילו ווען דו טאדלסט זיך אליין, ווען דו קלאפסט דיין קאפ אין וואנט און דו זאגסט, "איך בין געווען אומגערעכט! פארוואס האב איך דאס געטון?!" איז בשעת דו האקסט דיין קאפ אין וואנט, טראכסטו, "וואספארא פיינער מענטש בין איך אז איך טו דאס."

## צעברעכן די טונקלקייט

ווייסט פון וואו דו ווייסט אז דו ביסט א פיינער מענטש? ווייל דיין מאמע האט דיר עס ארייגעהאקט אין קאפ. מיר נארן זיך מיט זיך אליין צוליב דעם ווייל ווען מיר זענען געווען זייער קליין האבן אונזערע מאמעס געטון א גוטע ארבעט מיט אונז, לאזנדיג אונז וויסן ווי גוט מיר זענען.

אט איז א קליינער אינגל וואס זיצט אין זיין הויכע קינדער בענקעלע; דער קליינער קעניג זיצט אויף זיין טראן און זיין מאמע זיצט ביי זיינע קניען פארנט פון אים. זי קושט אים! זי באגיסט אים מיט אפענע אויסדריקן פון ליבשאפט, "אה מיין ליבלינג!" האט זי געזאגט און געקושט דעם קליינעם אינגעלע אויף איין באק און דערנאך אויף די אנדערע באק, און דערנאך אויף נאך א באק און נאך א באק. עס זענען דא נאר צוויי באקן אבער זי איז געגאנגען אהין און צוריק און אהין און צוריק ביז ענדליך האט ער געכאפט די זאך, "עס מוז זיין עפעס גוטס מיט מיר." ער זעט ווי זיין מאמע גייט ארויס פון די גלייזן איבער אים און ער ווערט איבערגענומען מיט ליבשאפט צו זיך אליין. אויב אנדערע ווערן איבערגענומען מיט ליבשאפט איבער אים, ווערט ער זיכער איבערגענומען.

צוליב דעם, אויב א מאמע קען פון צייט צו צייט אוועקנעמען די פארבלענדעניש פון איר קליינער העלד דורך אים געבן א קליין פעטשל, איז דאס אויך גוט. אהההה! דאס איז א שאקירונג צו אים, א טראומא. ער זעט אז ס'איז נישט אינגאנצן פונקט ווי ער האט געטראכט. קליינע שפאלטן פון ליכטיגקייט באווייזט זיך

פלוצלינג אין די שטאק פינסטערניש. דערפאר איז א פעטשל א וואונדערבארע זאך פון צייט צו צייט. אויך פאר קליינע מיידלעך. א פעטשל פאר קליינע מיידלעך איז וואונדערבאר. אנדערש וועלן זיי אויפוואקסן מיט אן אומדורכדרינגליכער פארהאנג פון פינסטערניש וואס נעמט זיי אינגאנצן ארום.

## אלעמאל גערעכט

דערנאך, ווען די דאזיגע אינגלעך און מיידלעך האבן חתונה, זענען זיי קיינמאל אומגערעכט. ווען מ'הערט זיך אונטער די טענה'רייען פון פארפעלקערע, איז קיינער פון זיי אומגערעכט. צומאל, אלס אויסדרוק פון מענטשליכקייט לערנען זיי זיך צו זאגן, "איך זאג נישט אז איך בין אינגאנצן גערעכט; איך ווייס אז עס זענען דא צוויי זייטן צו יעדע שאלה." אבער דאס איז בלויז אן אויסערליכע שפיל. אייגנטליך וואס זי זאגט באמת איז, ער איז נישט גוט, אדער ער זאגט אז זי איז נישט גוט. "איך בין דער וואס איז פערפעקט," דאס איז וואס ער זאגט.

אודאי, ער וועט עס נישט זאגן אין די ווערטער. מענטשן זענען צו שטארק קולטוריזירט, צו פארשטאנדיג נישט צו זאגן אזוי, אבער סיי וואס זיי זאלן נאר זאגן, איז דאס וואס זיי מיינען צו זאגן; דאס איז דער פשט פון אלעס וואס איר הערט. ווען מענטשן רעדן, רעדן זיי פון ווי גוט זיי זענען. "איך בין נישט אזוי." "איך טו נישט אזעלכע זאכן." "איך האב פיינט קרומקייטן." "איך האב פיינט אומארנטליכקייט," זאגט דער מענטשן וואס טוט אייגנטליך אין דער זעלבער מאמענט בא'גנב'נען זיין באלעבאס. בשעת ער רעדט צו דיר פון זיין אפיס טעלעפאן, גנב'ט ער פון זיין באלעבאס.

## פאברעכער פילן זיך גערעכט

אלע משוגעים האבן זיך ליב. דער אזוי גערופענער העלד אל קעפאון, הידועה לשמצה, דער יונגער דור געדענקט אים נישט, אבער אל קעפאון איז געווען איינער פון די גרויסע אונטערוועלט העלדן - ער האט ערמארדעט אסאך מענטשן און ער האט צוגעפירט אז אסאך מענטשן זאלן גע'הרג'ט ווערן. און ווען מ'האט אים ענדליך געכאפט - אין יענע טעג פלעגט מען צום סוף כאפן די קרימינאלן - ווען אל קאפאון איז ענדליך איינגעזעצט געווארן אין טורמע, איז א נייעס אגענט אים געקומען אונטערוויואירן.

ס'איז אמעריקע, מען האט פרייהייט אין שפראך, האט אל קעפאון געזאגט, "איך ווייס נישט וואס זיי ווילן פון מיר. איך האב צוגעשטעלט פאר מענטשן א געשמאקע הנאה." דאס איז וואס ער האט געזאגט אין די צייט וואס ער האט אראפגעשאסן זיינע קעגנער אין זיינע געמבלינג שפיל בודקעס. אין זיין גרויסער און מאראלישער פארלאנג צו צושטעלן פאר די מאסן געמבלינג שפיל ערטער און אומשעדליכע הנאה, זענען מענטשן אים געשטאנען אין וועג. "ס'איז נישט מיין שולד," האט ער געזאגט, "פארוואס שטעלן זיך די מענטשן אין מיין וועג? וואס דען האב איך געקענט טון? זעלבסטפארשטענדליך אז איך האב זיי געדארפט אראפשיסן; ס'איז פשוט לאגיש אזוי. איך וויל קיינעם נישט הרג'נען אבער ווער האט זיי געהייסן זיך אריינמישן ביי מיר?!" זיי האבן שוין געהאט די פלעצער פאר ער האט זיך אריינגערוקט אבער ער האט עס אנגערופן אז מ'האט זיך אריינגעמישט ביי אים. און ער האט עס געמיינט אמת'דיג. ער איז געווען זייער געטשעפעט אז מ'האט עס געטון צו אים.

ענליך איז דער ביישפיל מיט דעם געפארפולן קרימינאל זשאן דילינגער, וועלכער האט גע'הרג'ט א פאליציי מאן. אין יענע צייטן איז עס נאך געווען פארערעכנט אלס א פארברעכן צו שיסן אויף א פאליציי מאן. וואס האט דערנאך פאסירט? די פאליציי זענען אים באפאלן מיט שיסערייען. די פאליציי האבן געשאסן און ער האט צוריק געשאסן. און אזוי ליגנדיג געטונקען אין זיין בלוט אין גסיסה, האט איינער געהערט זיינע לעצטע ווערטער, "וואס ווילט איר פון מיר?!" האט ער געזאגט. ער האט נישט פארשטאנען. ער האט פראבירט צו מאכן פרנסה, נאר דער פאליציי מאן איז אים געשטאנען אין וועג.

## עס איז דא א דין וחשבון

אבער מיר זארגן נישט איבער דילינגער און קעפאון. מיר רעדן יעצט פון די ארטאדאקסן, די שטארק ארטאדאקסישע. פיל מענטשן האלטן זיך פאר צדיקים גדולים, אז זיי זענען מושלם מיט זייער ערליכקייט, אבער זענען נאכאנאנד עובר אויף עבירות. אלזא, מענטשן וואס זענען נישט ערליך וועלן זיך פרייען דאס צו הערן; זיי האבן הנאה צו הערן אז די ערליכע מענטשן זענען זינדיג. זיי האבן דאס געוואוסט א גאנצע צייט! אבער זיי דארפן וויסן אז זיי זענען טויזנט מאל ערגער. און יעדער איינער וועט דארפן אפגעבן דין וחשבון.

לייגט צו קאפ צו דעם פסוק אין משלי (כא:ב) וואס זאגט: **כָּל דֶּרֶךְ אִישׁ יָשָׁר בְּעֵינָיו** - דער וועג פון יעדן מענטש איז גלייך אין זיינע אויגן; יעדער מענטש האלט אז זיין דרך איז ריכטיג, **וְתֹכֵן לִבּוֹת ה'** - אבער דער באשעפער איז דער וואס מעסט א מענטש'ס הארץ. שלמה המלך זאגט אונז, אז דו קענסט טראכטן אז דיין וועג איז ריכטיג, אבער דו מוזט וויסן אז דו וועסט דארפן אפגעבן דין וחשבון צום באשעפער וואס ווייסט דעם אמת איבער דיר.

## די פארהוילענע באוואוסטזיניגקייט

אצינד ערוועקט זיך די שאלה, אויב דו טראכסט באמת אז דו ביסט גערעכט, דאן ביסטו דאך אומשולדיג - **יָשָׁר בְּעֵינָיו** מיינט אז דו גלייבסט באמת אז דו ביסט אומשולדיג - איז פארוואס זאלסטו געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך? אויב בין איך איבערצייגט אז איך בין גערעכט, דאן פארוואס זאל איך דארפן אפגעבן דין וחשבון?

ווייל דער אמת איז אז עס זענען דא שטאפלען פון באוואוסטזיניגקייט, שטאפלען פון אויפמערקזאמקייט.

אט איז א מענטש, לאמיר זאגן, וואס איז אן אייגנטומער פון א געשעפט און אין זיין געשעפט טוט ער אויסגעהאלטענע ביזנעס. אבער אונטן אין זיין בעיסמענט דינגט ער ארויס די פלאץ פאר מענטשן וואס פארקויפן פארטייבונגס דראגס פאר קינדער. אבער ער קוקט זיך קיינמאל נישט אום וואס עס טוט זיך; ער האלט זיינע אויגן פארמאכט צו זען וואס עס גייט פאר און ער טראכט ביי זיך אז ער איז א פרייער פויגל, אז עס איז נישט זיין פראבלעם.

און ווען די פאליציי קומען אריין אין זיין געשעפט און ער שטייט הינטער'ן טישל, זאגט ער, "וואס ווילט איר פון מיר? איך פיר א לעגאלער ביזנעס."

זאגן זיי, "ניין, ניין. מיר ווילן אראפגיין אין בעיסמענט צו זען וואס עס טוט זיך דארט."

אוי, יעצט איז ער אויף צרות. איינמאל די פאליציי עפענען די בעיסמענט טיר איז ער א געענדיגטער.

דאס איז אונזער משל. דער באשעפער זאגט, "דו פירסט א לעגאלער ביזנעס אין דיין באוואוסטזיניגער מח אבער דו נארסט זיך אליין. ווייל אויב וועסטו זיך אנשטרענגען צו אראפגיין אין שטאפל אונטער דיין באוואוסטזינגיקייט, וועסטו איבערראשט ווערן צו זען דאס וואס איך זע - דו לעבסט א לעבן פון פאלשקייט. און וויסנדיג טוסטו זיך אליין נארן ווייל אויב דו וואלטסט באמת געוואלט וויסן דעם אמת, וואלטסטו אנטדעקט וואס עס איז דיין ריכטיגער מהות."

## פינסטערניש איז א מתנה

דאס מיינט, אז דו דארפסט אראפנעמען צייט צו טראכטן איבער זיך אליין, אריינקוקן אינעם בעיסמענט פון דיין מח - און ס'איז דא דארט אסאך וואס צו אויסקלארן. טייל מענטשן האבן אזויפיל אין זייער בעיסמענט אז זיי האבן אפילו אסאך זאכן אויך אויף זייער ערשטער שטאק. און אזוי האט יעדער זיין ארבעט פאסיג פאר אים אליין. דו וועסט קיינמאל נישט קענען דורכזען די טונקלקייט אין דיין בעיסמענט נאר אויב דו גייסט אראפ אפאר טריט און דו צינדסט אן דעם לעקטער.

אלזא, זייט נישט בייז ווען איר הערט אזעלכע זאכן. ווערט נישט אנטמוטיגט און געבט נישט אויף האפענונג. ווייל צו לעבן אין א וועלט פון פינסטערניש, דאס אליין איז די גרעסטע מתנה! אויסדריקליך!

ווייל דאס איז אונזער הצלחה אויף די וועלט - צו דורכזען די פינסטערניש פון די וועלט און זיך אנגרייטן פאר אונזער אייביגע סטאנציע אויף די קומענדיגע וועלט.

## נאכט און טאג

דאס איז פארוואס עס איז דער סדר ביי אידן אז דער טאג הייבט זיך אן מיט די נאכט פריער. דאס איז דער מהלך אין די תורה, **וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר** - עס איז געוועהן פארנאכטס און עס איז געוועהן אינדערפרי.

להבדיל ביי די גוים הייבט זיך דער טאג אן אינדערפרי. דאן איז זייער נייער טאג. אז דו וועסט זאגן פאר דיין גוי'אישער באלעבאס אז שבתים קענסטו נישט אריינקומען צו די ארבעט, וועט ער דיר זאגן, "גוט, איז קום אריין פרייטאג צונאכטס."

זאגט איר אים, "ניין, שבת הייבט זיך אן פרייטאג ביי זון אונטערגאנג."

ער פארשטייט דאס נישט! די נאכט קומט פאר דעם טאג?! ער מיינט אז דו ווילסט זיך סתם ארויסדרייען פון די ארבעט!

אבער מיר פארשטייען אז דאס טוט עפעס סימבאליזירן. אונזערע טעג הייבן זיך אן ביינאכט ווייל עס סימבאליזירט אונזער סדר אין לעבן; דער טעם פארוואס מיר זענען געקומען אויף די וועלט. **תָּשֶׁת חֹשֶׁךְ וִיהִי לָיְלָה** מיינט אז דער באשעפער האט געמאכט די וועלט אן ארט פון פינסטערניש ווייל נאר דורכדעם וואס מיר טוען קודם דורכמאכן ערפאלגרייך אונזער וועג דורך די פינסטערניש פון די וועלט, דאן וועלן מיר אנקומען צו די ליכטיגקייט פון די קומענדיגע וועלט. ווי דער פסוק זאגט, **וּכְאוֹר בֹּקֶר יִזְרַח שָׁמֶשׁ** - די זון וועט שיינען ווי די ליכטיגקייט פון אינדערפרי. און אונזערע חז"ל זאגן (פסחים ב.) אז דאס רעדט זיך פון די קומענדיגע וועלט - די נאכט איז עולם הזה און דער אינדערפרי איז עולם הבא. און דערפאר הייבט זיך ביי אונז יעדער טאג אן מיט א נאכט פריער כדי איינצואווארצלען אין אונז דעם שטארקן יסוד.

## זיך אנגרייטן פאר די קומענדיגע וועלט

איז עס נישט א שאד אז מיר ווייסן דאס נישט? די נאכט פאר'ן טאג און די לבנה וואס שיינט ביינאכט איז דא כדי צו איינווארצלען אין אונז אונזער תפקיד אויף די וועלט. יעדע נאכט ווען די וואלקענעס פון טונקלקייט הייבן זיך אן צו באווייזן אויפ'ן האריזאנט ווערן מיר דערמאנט אז מיר קענען נישט אנקומען צו עולם הבא נאר נאך וואס מיר גייען אדורך די טונקלקייט פון די וועלט.

מיר לעבן אינדערמיט פון די פינסטערניש פון די וועלט כדי צו ווערן גרייט פאר דער פרי-מארגן ווען דער עולם הבא וועט אנהייבן צו שיינען. דאן איז ווען די אמת'ע זון וועט אויפשיינען, א זון וואס וועט עפענען אונזערע אויגן. דאן וועלן מיר אלעס זען. אבער יעצט זעען מיר גארנישט, אויסער אויב מיר ארבעטן שווער, מיר לערנען און פראבירן צו אנטדעקן וואס מען קען יעצט זען.

און נאר דורך מאכן א חשבון הנפש אויף אונזערע לעבנס קענען מיר מצליח זיין צו זען. ס'איז נישטא קיין אנדערער וועג! בואו חשבון! קום און מאך די רעכענונגען! פון צייט צו צייט מוזסטו אפשטעלן דיין נאכאנאנדע יאגעניש פונעם לעבן און מאכן א חשבון.

און דאס איז פארוואס מיר זאגן אויף ראש חודש, **לְעַמְּךָ נָתַתָּ**, אז דו האסט עס געגעבן צו דיין פאלק אלס א מתנה. איין טאג אין חודש שטעלן מיר אפ אונזערע לעבנס און מיר דערמאנען זיך איבער די ווארהייטן פון די וועלט און אונזער תפקיד פון דורכזען די טונקלקייט. און דורך אונזער התבוננות ווערט עס א טאג פון פארעגבונג; ראש חודש ווערט פארוואנדלט אין א טאג פון התחדשות, זיך איבערצופרישן צו אונזער ציל אויף די וועלט פון זיך אנגרייטן צום גרויסן טאג פון **וּכְאוֹר בֹּקֶר יִזְרַח שָׁמֶשׁ**. דאס איז דער גרויסער טאג ווען מיר וועלן ענדליך באנייט ווערן און זוכה זיין עס זאלן מקוים ווערן די ווערטער וואס מיר זאגן יעדן חודש, **שֶׁהֵם עֲתִידִים לְהִתְחַדֵּשׁ כְּמוֹתָהּ** - זיי זענען אנגעגרייט צו ווערן באנייט פונקט ווי די לבנה, **וּלְפָאֵר לְיוֹצְרָם עַל שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ** - און מיר וועלן באשיינען דעם באשעפער מיט דעם כבוד פון זיין קעניגרייך.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

## שאלה:

**פארדינען מיר דאס מערסטע פון דעם וואס מיר האלטן זיך אפגעזונדערט פון די גוים? צי וואלט נישט געווען א גוטע זאך אז מיר זאלן געניסן פון דאס וואס די גוים האבן אונז צו אפפערן?**

## תשובה:

ווען איר זעט אן ערעפלאן ארויספליען אין וועג קיין ארץ ישראל און אינעווייניג זענען דא פיל מענטשן וועלכע זענען אויפ'ן וועג צו ישיבות צו לערנען אין ארץ ישראל, דאס איז א ביישפיל ווי אזוי מיר ניצן אויס דעם פארדינסט פון דאס וואס די גוים האבן אונז צו פארקויפן. הגאון רבי עקיבא אייגער האט נישט ערפונדן דעם ערעפלאן און אויך האט נישט דער ווילנער גאון ערפונדן דעם ערעפלאן. די גוים האבן עס ערפונדן. איז זאגן מיר, אויסדריקליך; ניצט אויס וואס מיר קענען פון די אויסטרעפונגען פון די גוים. אפילו וויסנשאפטליכע ידיעות וואס די גוים האבן אנטדעקט ניצן מיר. מאכט נוצן פון אלעם; סיי וואס מיר קענען, נעמען מיר פאר זיך.

אצינד, איך מיין אז ווען משיח וועט קומען, וועלן מיר נאך אלץ ניצן אויטאמאבילן; מיר געבן נישט אויף די אויטאמאבילן. עס וועט זיין עולם כמנהגו נוהג - די וועלט וועט פארזעצן זיך צו פירן פונקט ווי היינט. די גמרא זאגט דאס. און אויב עס וועלן זיין אויטאמאבילן, וועלן זיין טראפיק לאמפן אויך. טראפיק לאמפן זענען ערפונדן געווארן דורך די גוים אבער עס וועלן אויך זיין טראפיק לאמפן אין די צייטן פון משיח. פון צווייטן זייט, וועלן זיין הלכות און תקנות חכמים: אויב א מענטש פארט אריבער א רויטער לאמפ באקומט ער ארבעים דרבנן, ער וועט באקומען מכות, קלעפ. נישט קיין ספק אין דעם. עס וועלן זיין זייער הארבע שטראפן. דאס איז זייער וויכטיג פאר אונז - פאר זיכערהייט, פיקוח נפש.

אין משיח'ס צייטן וועלן מיר מאכן נוצן פון אלע גוטע תקנות. איך בין זיכער אז זיי וועלן ניצן די ראדיא צו לאזן מענטשן וויסן די דינים, הלכות און אנדערע וויכטיגע אינפארמאציע; און מענטשן וועלן אויסהערן תורה אויף די ראדיא. און אין יענע צייט וועט זיין א כשר'ע טעלעוויזיע. כשר'ע טעלעוויזיע מיינט אז מענטשן זיצן אין זייערע היימען און קוקן אויף די טעלעוויזיע און זעען די צדיקים לערנען פאר תורה און ערקלערן זאכן - הלכות און מידות טובות און אפילו הלכות אויף יום טוב און הלכות אויף שבת אויף די טעלעוויזיע; און עס וועט זיין פיל מער ווירקזאם ווי בלויז ווערטער אדער געדרוקטע בלעטער. איך בין זיכער אז אלע היינטיגע ערפינדונגען וועלן אויסגענוצט ווערן אין די טעג פון משיח. דערפאר, זיכער ווילן מיר מאכן נוצן פון די פארדינסטן וואס די גוים ברענגען צו די וועלט.